בס"ד

שבועות תשפ"ו

גליון 283

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## תּוֹרָה אוּנְזֶער לֶעבְּן

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אִין דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן טָאג יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ הַק', דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּנְזֶער חִיוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג אִין בִּרְכַּת אַהֲבַת עוֹלָם "וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תַּלְמוּד תּוֹרָתֶיךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם וָעֶד, כִּי הֵם חַיֵּינוּ.."

קִינְדֶער, וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז הַיינְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה וָואסְפַּארַא פְּלַאץ וָואלְט גֶעוֶוען אַ פַּאסִיגֶע אוּן אַ רִיכְטִיגֶע מָקוֹם דֶערְפַאר? לִכְאוֹרָה אִין עֶפֶּעס גָאר אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל א.ד.ג. אִיז פַארְוָואס טַאקֶע הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אִין חוּץ לָאָרֶץ אִין אַ פּוּסְטֶער לֵיידִיגֶער פְּלַאץ פוּל מִיט קְלִפּוֹת אוּן מַזִיקִים וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט: "מָקוֹם נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב".



דֶער תִּירוּץ עֶנְטְפֶערְט אוּנְז ר' נָתָן אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (גביות חוב ג') אוּן דָאס אִיז אַ עֶנְטְפֶער פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד. פַאר אַ אִיד וִויל זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, יֶעדֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, לְמָשָׁל, וֶוען אַ אִינְגְל גֵייט אַרוֹיף אַ נַייֶע כִּתָּה, אָדֶער אַ בָּחוּר נֶעמְט זִיךְ צוּם לֶערְנֶען, אֵיינֶער שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אָדֶער עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ שְׁטַארְקְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת א.ד.ג דֶעמָאלְטְס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ מִדְבָּר – סְפֵיקוֹת מִיט בִּלְבּוּלִים, אַלֶע סָארְטְן מְנִיעוֹת אוּן תַּאֲווֹת מִיט טִרְדוֹת א.א.וו.

אָבֶּער וֶוען דֶער אִיד הַאלְט זִיךְ פֶּעסְט אָן יִאוּשׁ אוּן לוֹיפְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי קְדוּשָׁה, אִיז עֶר דֶעמָאלְטְס זוֹכֶה צוּ אַרוֹיפְגֵיין אַ דַרְגָה וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", עֶר גֵייט טַאקֶע אַרִיבֶּער נִסְיוֹנוֹת אַזוֹי וִוי אִין אַ מִדְבָּר עֶס אִיז פּוּסְט טְרִיקְן אָן קַיין שָׁאטְן, קַיין טְרָאפְּל וַואסֶער גֶעפִינְט מֶען נִישְׁט דָארְט, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּאקוּמְט עֶר אַ נַייעֶ תּוֹרָה.

וִויאַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן שְׁטֵיין אַזוֹי פֶּעסְט קֶעגְן דֶעם אָפֶּענֶעם מוֹיל פוּנֶעם סַ"ם? נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה פוּן זוּכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין אוּן לוּסְטִיג זַיין אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעוֶועלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין דֶער בַּאלִיבְּטֶער בֵּן יָחִיד פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן! אִיךְ בִּין אַ בֵּן מֶלֶךְ, אַ קְלֵיינִיגְקַייט?

דֶערְפַאר פִירְט מֶען זִיךְ טַאקֶע בַּיי אוּנְז צוּ טַאנְצְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צְוִוישְׁן אֵיין תִּיקוּן אוּן צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַצַ"ל פַארְצֵיילְט אַז אִין אוּמַאן פְלֶעגְט אַ חֵלֶק עוֹלָם זָאגְן דֶעם תִּיקוּן אוּן דֶער אַנְדֶערֶער עוֹלָם אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ טֶענְצְל, דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זִיךְ גֶעבִּיטְן!

אַוַודְאַי נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אִין דֶעם טָאג וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס דִי יָארְצַייט פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ דֶער נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל. דֶער תְּהִלִּים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן

פון זײַנע התבודדות ווען ער האט זיך אויסגעגאסן זײַן הארץ צום אויבערשטן, ער זאל קענען מקיים זײַן די הייליגע תורה און נצל ווערן פון אלע זײַנע שׂונאים – דער יצר הרע מיט זײַנע חילות.

דער הייליגער רבי ברענגט אז ספר תהלים איז געזאגט געווארן פאר כלל ישראל פאר יעדן איינציגן איד בפרט, יעדער מיט זײַנע פּריוואטע מלחמת היצר און אלעס וואס גייט אויף אים איבער, ׳הכל׳ - אלעס איז מבאר און מפורש אין תהלים.

דער עיקר יסוד פון אלע עצות וויאזוי זיך מקרב צו זײַן צו השם יתברך איז נאר דורך זאגן תהלים און אנדערע בקשות און התבודדות, זיך אויסרעדן און אויסשמועסן דאס הארץ און זיך בעטן ביים אויבערשטן ער זאל מיר מקרב זײַן צו אים, נאר אזוי וועט מען זוכה זײַן צו געווינען די מלחמה, אז מען וועט שטענדיג זײַן שטארק און פעסט זיך צו בעטן ביים אויבערשטן, ער זאל מיר שענקען זײַן גענאד, זאל זײַן וואס זאל נאר זײַן וועט מען זיכער געווינען די מלחמה, אשרי לו! אזוי האבן מיר פארשטאנען פון הייליגן רבי׳נס רייד.

עס זענען טאקע דא אסאך גוטע עצות אין רבי׳נס ספרים וויאזוי נאנט צו ווערן צום אויבערשטן, אבער רוב מאל זענען די עצות אליין זייער שווער מקיים צו זײַן, דערפאר איז דער עיקר די תפלות און בקשות צו רעדן צום אויבערשטן וואסערע דיבור עס קומט נאר ארויס, אפילו איך בין נאך זייער ווייט וועל איך ווייטער שרייען און זיך בעטן ביים אים, און צום סוף וועט דער באשעפער זיכער ענטפערן און מיר ברענגען צום אמת בלי ספק,

אבער ברודער חזק ואמץ! אזוי ווי חז״ל זאגן האף צום באשעפער, אויב חס וחלילה דײַן תפלה איז נאכנישט אנגענומען, חזור וקוה וכן לעולם - האף און בענק נאכאמאל, ביז דער אויבערשטער וועט אראפקוקן און דיר העלפן.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן באקומען די תורה פון דאסניי, מיט א חשק און פרישקייט זיך שטארקן מיט די שעורים און לערנען די תורה מיט די עצות וואס דער רבי האט אונז געגעבן מיט זײַן גרויס רחמנות, אזוי אויך זיך שטארקן מיט זאגן תהלים און מיר זאלן שוין זוכה זײַן צו די גאולה השלמה בב״א.

# א תפלה אויף די ליכט פון די תורה

רחמנות׳דיגער באשעפער, האב רחמנות אויף מיר, און נעם אן מײַן געבעט, דערבארים זיך אויף מיר, העלף מיר און זאל מער נישט אויפטויישן ליכט מיט טונקל, ציה מיר ארויס פון פינסטערער צו ליכטיגקייט, פון חשך צו אן אור גדול, פון די פארנעפּלטע תאוות און נישט גוטע מחשבות פון עולם הזה צו די קלארע לויטערע ליכט פון די צדיקים וואס זיי זענען שטענדיג ממשיך און אנטפּלעקן און מאכן ליכטיג אלע וועלטן.

אבינו מלכנו גלה כבוד מלכותך עלינו מהרה, והופע והנשא עלינו, מיט דײַן רחמנות מאך אונז ליכטיג די ליכטיגקייט פון די הייליגע תורה, ווייל דו האסט שוין אנגעהויבן אונז צו באשײַנען מיט דײַן גרויסן אור פון מתן תורה ביז היינט, דורך די אמת׳ע צדיקים וואס זענען געווען פון משה רבינו עליו השלום׳ס צײַטן ביזן היינטיגן טאג.

אבער ליידער דורך אונזער גשמיות און פינסטערע עבירות, דארפן מיר אז דו זאלסט נאכמער רחמנות האבן אויף אונז, אז אויך אויף מיר איצטער זאלסטו ליכטיג מאכן מיט די ליכט פון דײַן הייליגע תורה - און די אור פון די אמת׳ע צדיקים, אז אלע מײַנע תאוות און נארישקייטן זאלן בטל ווערן און איך וועל זוכה זײַן זיך אומקערן צו דיר מיט אן אמת און תמימות ווי דײַן רצון איז. האירה פניך על עבדך הושיעני בחסדך פניך האר בעבדך ולמדני את חקיך.




***אין קורצן פון פריער:***

***רבי נתן ווערט אויסגעהאלטן דורך זיין פאטער'ס שותפים, דערצו גיבט אים דער פאטער עפעס אין זייט און רבי נתן קען ווייטער לערנען און שרייבן זיינע ספרים אומגעשטערט פון טרדות הפרנסה.***

***דער רבי ווערט געשטערט מיט התנגדות קעגן זיין דרך.***

***אצינד ליינט ווייטער:***

אין א געווענליכע טאג, ווען רבי נתן איז געזעסן מיט'ן רבי'ן ביי א מאלצייט, האט דער רבי אים גענומען צימבלען: "וואס פארא חשוב'ער אינגערמאן, הא?! אן איידעם פון רבי דוד צבי אויערבאך און א זון פון רבי נתפלי הירץ!"

רבי נתן האט ווייטער געגעסן.

"ווען איינער ווערט פארשעמט, עסט ער ווייטער?" האט דער רבי אים געפרעגט.

רבי נתן האט אפגעשטעלט דאס עסן.

מיט דעם שפיל האט דער רבי געהאט א כוונה אים אויסצופרובן צו רבי נתן קען ביישטיין בזיונות.

נאך דער עפיזאד, איז דער רבי אוועקגעפארן אויף א רייזע (לכאורה קיין טשערין, ווייל דער רבי פלעגט פארן קיין טשערין זומער.) און ביים אהיימקומען האט ער ווייטער מקרב געווען רבי נתן.

רבי נתן האט שפעטער געשריבן דערוועגן, אז דער רבי האט אים באהאנדלט כאב את בן ירצה," ווי א פאטער וואס שטראפט זיין זון, נאר ווייל ער האט פארגעניגן פון אים.

א ליכטיגקייט וואס הויבט אן צו שיינען

אין יענעם זומער האט דער רבי אנגעהויבן איבערצוגעבן פאר רבי נתן זיין הייליגן ספר המידות. דאס איז געווען די צווייטע ספר וואס רבי נתן האט אנגעהויבן צו שרייבן פאר'ן רבי'ן. אין די פריערדיגע קאפיטלען האבן מיר געליינט ווי נאך שבת חנוכה איז רבי נתן געווארן דער אפציעלער שרייבער פון רבי'ן, דאן האט ער אנגעהויבן צו שרייבן דעם רבי'נס תורות, וואס דאס איז שפעטער צאמגענומען געווארן אין דעם הייליגן ספר וואס מיר האבן היינטוטאגס, דעם ספר ליקוטי מוהר"ן. אצינד איז געקומען די רייע אויפן ספר המידות, וואס ווערט אויך אנגערופן ספר האלף בית. דער רבי האט אים פארגעליינט פון זיין אייגענע כתבים און רבי נתן האט עס אראפגעשריבן אין א סדר.

דער ספר המידות איז צאמגעשטעלט פון צוויי חלקים. דער רבי האט אנגעהויבן צאמצושטעלן דעם ספר ווען ער איז נאך געווען גאר א קליין קינד, קוים זעקס יאר אלט. קינדער, ענק פארשטייען וואס דא טוט זיך? דער הייליגער רבי איז געווען א קליינע אינגעלע פון זעקס יאר אלט, ווען ער האט שוין געהאט דעם הייליגן דעת צו צאממשטעלן א ספר.

די ספר המידות איז צאמגעשטעלט פון כל מיני נקודות. ווען אימער, דער רבי האט געלערנט אין סיי וועלכע ספר, און ער האט זיך באגעגנט מיט

א גוטע נקודה אדער הנהגה וואס איז שייך צו א געוויסע מידה, האט ער דאס אראפגעשריבן פאר זיך צו קענען לערנען און חזר'ן. ער האט געוואלט געדענקן די אלע מוסר און הנהגות וואס חכמינו ז"ל זאגן אויף גוטע מדות אדער פארקערט, ווי נישט שיין עס איז א שלעכטע מדה.

צום ביישפיל, אויף "אמת", האט דער רבי געברענגט איבער פופציג שטיקלעך פון די מעלה פון די מדה, און פארקערט די חסרון פון ליגנט און אלעס וואס מען דערלייגט ווען מען זאגט נישט אמת.

דער רבי האט דאס איינמאל געגעבן פאר זיין תלמידים און פאר רבי נתן צו אויסשטעלן לויטן סדר פון די א־ב, מיט א קלארקייט, ווייל ביי אים איז עס געווען געשריבן אויסגעמישט, לויט וויאזוי דער הייליגער רבי האט דאס משיג געווען מיט זיין קדושה.

אצינד, איז דער רבי געזעצן מיט רבי נתן און אים פארגעליינט די אלע מדות און רבי נתן האט עס איבערגעשריבן מיט א קלארקייט צו קענען דרוקן אין א ספר.

דער ספר איז איינע פון די אוצרות וואס דער רבי האט אונז איבערגעלאזט אלס ירושה. ווען מען לערנט אין דעם ספר, ווערט מען געוואויר פון די גרויסע שאדן און פגם וואס עס געשעט, אויב מען פירט זיך נישט אויף ריכטיג מיט די מדות. אזוי ווייסט מען אז מען דארף זיך שטארקן און בעטן ביים אויבערשטן, ער זאל אונז ראטעווען פון די אלע שלעכטע תאוות און מדות. אזוי אויך פארקערט, אז מיר פארשטייען אביסל פון די גרויסקייט און מעלות פון מדות טובות, ווייסן מיר זיך צו פרייען דערמיט און דאנקן דעם אויבערשטן פאר דעם.

נאך אן אינטערסאנטע זאך וואס מען טרעפט אין דעם הייליגן ספר איז אז דער רבי האט אויסגעטראפן די שליסל צו געוויסע מידות. למשל, אויב איינער וויל צוקומען צו זיין א עניו ־ זיך האלטן קליין, אבער עס איז אים זייער שווער, אבער ס'קען זיין אז דער זעלבער מענטש האט יא די מדה פון בטחון, ער איז זייער רואיג, ווייל ער פארלאזט זיך אויפן אויבערשטן, זאגט רבי נתן אז מען קען אנהייבן מיט די מדה פון בטחון וואס איז א שכן פון ענוה, ווייל איינער וואס האט בטחון האט אטאמאטיש אויך אין זיך ענוה, אזוי וועט ער גרינגער קענען צוקומען צו א גאנצע ענוה. דאס מיינט אז מען נעמט די גרינגערע מדה, וואס איז פאר מיר גרינגער צו ארבעטן אויף דעם, און אזוי ארום וועט מען צוקומען צו די שווערע מדה.

רבי נתן שרייבט אז עס איז א חיוב צו מודיע זיין פאר אונזערע לייט, אז דער הייליגער רבי זצ"ל האט זייער געווארנט אז מען זאל לערנען אין דעם ספר, עס זאל זיך נישט אפטון פון אונזער מויל ווייל דאס איז אזוי ווי ברויט צום לעבן, דעריבער, האט דער רבי געשריבן דעם ספר אין א קליין ספר'ל. דער רבי האט געוואלט אז יעדער זאל עס קענען טראגן מיט זיך אין טאש און צו יעדע צייט קענען נאכקוקן אין לערנען אין דע ספר. ווייל די מדות זענען א יסוד פאר די גאנצע תורה.

און מיט שרייבט דעם רבי דעם לשון פאר קינדער "יזכה נער" וועט דער אינגל זוכה זיין אפצוהיטן אלעס וואס שטייט אין דעם ספר, און אז מען וועט גיין מיט דעם ספר וועט מען מצליח זיין אין אלע וועגן. ווייל דער עיקר עבודה איז אז א מענטש זאל אוועקלויפן פון אלע שלעכטע מדות און שלעכטע תאוות און זיך אנכאפן אין די גוטע מדות און גוטע הנהגות.

ר' לוי יצחק בענדער זאגט אויף דעם ספר: מיר לערנען ווינציג דעם ספר האלף־בית - ספר המידות. דער רבי האט דאך א זאג געגעבן: "דו הארציגער ברודער, דו האסט מיך געמאכט פאר א
אידן!" רבי נפתלי האט געהאלטן דעם כתב יד

וויזט אויס, האט ער אנגעוויזן "דו האסט מיך געמאכט פאר א איד - הארציגע ברודער." אונזערע לייט פלעגן זיין אזוי קלאר אין ספר המידות, ממש בעל פה, האט מען געדענקט יעדער זאך! ווייל מען האט דאס געלערנט יעדן טאג, ס'איז געווען נאכ'ן דאווענען שחרית האט מען גלייך געלערנט ספר המידות.

יאר תקס"ג קומט צום שלוס

אצינד, שליסן מיר רבי נתנ'ס שנה ראשונה ביים רבי'ן. יאר תקס"ג איז געווען א פולער יאר. א ליכטיגע יאר, וואס האט איבערגעדרייט רבי נתן צו א בריה חדשה!

אין די איין יאר איז רבי נתן געשטיגן צו געוואלדיגע דרגות אין עבודת השם, און גלייכצייטיג אנגעהויבן צו שרייבן דעם רבי'נס אוצרות וואס באלייכטן נאך דעם וועלט ביז צום היינטיגן טאג. ווי וואלט ברסלב אויסגעזען אן רבי נתן? ס'איז שווער זיך פארצושטעלן. דער אייבערשטער האט אונז צוגעשיקט די געוואלדיגע אור פון רבי נתן, וועלכער האט באקומען דעם כח צו אראפברענגען דעם רבי'נס ליכטיגקייטן, פאר אונז פשוטי עם. אשירנו! וואויל איז אונז און וואויל איז אונזער חלק!

אין די קומענדיגע קאפיטלען, וועלן מיר בעזר השם אריבערגיין צום צווייטן יאר פון רבי נתנ'ס התקרבות - יאר תקס"ד.




## דָאס הֵיילִיג הוֹיז

אִין דֶער שְׁטָאט טְשֶׁעמְרָאוִויטְשׁ, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין רוּסְלַאנְד, הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אַ קְהִלָּה פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן. צְוִוישְׁן דִי חָשׁוּבֶ'ע תוֹשָׁבִים, הָאט אַרוֹיסְגֶעשַׁיינְט דָאס גֶעשְׁטַאלְט פוּן הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד דָארְפְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן זַיין חָשׁוּבֶ'ע בְּנֵי-בַּיִת הָרַבָּנִית חַנָּה פֶּערְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וֶועלְכֶע אִיז בַּאקַאנְט גֶעוֶוען אַלְס אַן אִשָּׁה צְנוּעָה.

רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד אִיז גֶעוֶוען גֶעוֶוען אַ זְשִׁיקֶעוֶוער חָסִיד, מִיטְ'ן גַאנְצְן פְלַאקֶער אוּן בְּרֶען, דֶערְצוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם אוּן יְרֵא שָׁמַיִם. נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן צוּ זַיין דֶער צְוֵוייטֶער רָב פוּן שְׁטָאט. סַיי וֶועלְכֶע שְׁאֵלָה אָדֶער עִנְיָנִים וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט בַּאהַאנְדְלְט וֶוערְן אִין דִי קְהִלָּה, הָאט מֶען פָארְגֶעלֵייגְט פַאר רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד, וֶועלְכֶער הָאט מִיט זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן קְלָארַקייט אִין תּוֹרָה, גֶעוואוּסְט צוּ שְׁטֶעלְן

אין פְּלַאץ. אָבֶער טְרָאץ זַיין חָשׁוּבְ'ן שְׁטֶעלֶע אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן גַאנְץ פָּשׁוּט. עֶר פְּלֶעגְט גֵיין מִיט שְׁנֶעלֶע טְרִיט אִין גַאס, אָן קֵיין גַּבָּאִים אָדֶער בַּאגְלֵייטֶערְס.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין דֶער מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי שׁוֹחֲטִים. רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד אִיז גֶעוֶוען אַן אִישׁ אֱמֶת. מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט הֶיתֵּרִים אָדֶער קוּלוֹת, אִיבֶּערְהוֹיפְּט וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶער עִנְיָן פוּן שְׁחִיטָה. דִי קַצָּבִים הָאבְּן צוּמָאל גֶעקֶענְט פַארְלַאנְגֶען אַ הֶיתֵּר, צוּלִיבּ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שָׁאדְן וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוֹיבּ אַ בְּהֵמָה אִיז גֶעפַּסְקְ'נְט גֶעוָוארְן טְרֵפָה, אָבֶער רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד הָאט גֶעפַּסְקְ'נְט פּוּנְקְט לוֹיט דִי הֲלָכָה אִין יֶעדְן פַאל. צוּלִיבּ דֶעם, הָאט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען בַּאצָאלְט פוּן דִי שׁוֹחֲטִים אוֹיף וֶועמֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען מְמוּנֶה, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן פְרַיי צוּ פַּסְקֶנֶ'ען לוֹיט דִי הֲלָכָה.

מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד הָאט מְווַתֵּר גֶעוֶוען אוֹיף גֶעלְט וָואס עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט נוּצְן צוּ קוֹיפְן בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע וויכְטִיגֶע מִיטְלֶען צוּם לֶעבְן, אָבֶער פַאר רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד אִיז וויכְטִיג גֶעוֶוען אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן אִין שְׁטָאט סֵדֶר בַּיי דִי שׁוֹחֲטִים.

בַּיי מִשְׁפָּחוֹת דָארְפְמַאן הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ גֶעפֶּערְלִיכֶע דַּחְקוּת. זֵיי הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִין אַן אָרִימֶע כַאטְקֶע. פוּן דִי שְׁפַּאלְטְנְס אִין שְׁטוּבּ הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן דִי צִיפֶּעדִיגֶע רוּסִישֶׁע פְרֶעסְטְן, אָן קֵיין גֶעהֶערִיגֶע הֵייצוּנְג וָואס זָאל זֵיי דֶערְוַוארֶעמֶען. אַז עֶס הָאט זִיךְ אָרָאפְּגֶעלָאזְט אַ



רֶעגְן אָדֶער שְׁנֵיי, אִיז דָאס הוֹיז נַאס גֶעוָוארְן. ווינְטֶער זֶענֶען דִי וֶוענְט גֶעוֶוען אַזוֹי דוּרְכְגֶעוֵוייקְט נַאס, אַז מֶען הָאט עֶס גֶעקֶענְט אוֹיסְקְווֶעטְשְׁן צוּ בַּאקוּמֶען אַמְפֶּערְס וַואסֶער!

אִין דֶעם הֵיילִיג הוֹיז אִיז הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי יְחִיאֵל מֶעכִיל דָארְפְמַאן זַצַ"ל גֶעבּוֹירְן אוּן אוֹיפְגֶעוַואקְסְן גֶעוָוארְן. אִיז עֶס דֶען אַ וואוּנְדֶער וָואס זַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ הָאט אִים בַּאגְלֵייט דוּרְכְאוֹיס זַיין שְׁטוּרֶעמִישֶׁע לֶעבְּן? ר' מֶעכִיל הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט, נָאר פוּן בּוֹרֵא אַלֵיין. דִי מִידָּה הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַלְס יְרוּשָׁה פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן הָאט דָאס אַיינְגֶעזַאפְּט אִין זִיךְ, פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

## אַ שַׁיין פוּן יְשׁוּעָה

עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אִין טְשֶׁעמְרָאווִיטְשׁ. אַלֶע אִידְן אִין שְׁטָאט זֶענֶען אִינְדֶערְהֵיים אוּן גְרֵייטְן זִיךְ צוּם פַּארְכְטִיגְן אוּן דֶערְהוֹיבֶּענֶעם טָאג וָואס וֶועט אָט אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן אִירֶע פְלִיגְלֶען אִיבֶּערְ'ן הָארִיזַאנְט. אוֹיךְ בַּיי מִשְׁפָּחוֹת דָארְפְמַאן הֶערְשְׁט אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶעם שְׁטִימוּנְג. מֶען זִיצְט בַּיי דֶער סְעוּדַת הַמַּפְסֶקֶת.

אִינְמִיטְן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, לָאמִיר אִים אָנְרוּפְן ר' שִׁמְעוֹן. ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעהַאט אַ שְׁאֵלָה אוֹיף אַן עוֹף, וָואס הָאט זִיךְ אִים פּוּנְקְט גֶעמַאכְט, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן פוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד, אוֹיבּ דָאס הִינְדְל אִיז כָּשֵׁר. דִי מִשְׁפָּחָה אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי בַּאזוּכְן. גַאנְץ אָפְט פְלֶעגְן דִי שְׁטָאטִישֶׁע אַיינְוואוֹינֶער קוּמֶען פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת בַּיי רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד.

ר׳ שִׁמְעוֹן שְׁטֵייט דָארְט אוּן וַוארְט אַז רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד זָאל אִים גֶעבְּן אַ תְּשׁוּבָה, וֶוען אִינְצְוִוישְׁן כַאפְּט עֶר אַ זַייטִיגֶע בְּלִיק אוֹיפְ׳ן טִישׁ.

נֶעבֶּעך, וָואס עֶסְן זֵיי דָא? פַארְשִׁימְלְטֶע בְּרוֹיט? גֶעוַואלְד! מִיט דֶעם גֵייעֶן זֵיי אַיינְפַּאסְטְן? מֶען סֶערְוִוירְט נִישְׁט דָא קַיין סְעוּדוֹת יוֹם טוֹב וְוִי בַּיי אַלֶע אִידְן אִין שְׁטָאט! פּוּנְקְט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ דָּוִד, וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר דִי שְׁחִיטָה, זָאל אַלֵיין נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹף פַאר אַ רְפוּאָה. סְ׳אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

ר׳ שִׁמְעוֹן הָאט גֶעלָאזְט הֶערְן זַיין מֵיינוּנְג אִין שְׁטוּבּ אַז סְ׳אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג וָואס דָא טוּט זִיךְ. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁוִויגְן דִי זַאךְ. עֶר אִיז אַרִיבֶּער צוּ דִי רָאשֵׁי קְהָלָה אוּן גֶעמַאכְט אַ וַיִּצְעֲקוּ. ”הֲיִתָּכֵן, אַ רָב תַּלְמִיד חָכָם לָאזְט מֶען לֶעבְּן אִין אַזַא אָרִימְקַייט? סְ׳אִיז אַ בּוּשָׁה פַאר דִי שְׁטָאט!”

זַיין גֶערוּדֶער הָאט אוֹיפְגֶעטוּן. פוּן דַאן אָן, הָאט מֶען עֶרְלֶעדִיגְט אַז דֶער גֶעהַאלְט וָואס עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען פוּן דִי שׁוֹחֲטִים, זָאל קוּמֶען פוּן קָהָלְ׳ס קַאסֶע. אַזוֹי אַרוּם הָאט רֶבִּי יְהוֹדַע דָּוִד נִישְׁט גֶעדַארְפְט בֵּייגְן פוּן זַיין פְּרִינְצִיפּ צוּ נֶעמֶען גֶעלְט פוּן דִי שׁוֹחֲטִים, אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פַּרְנָסָה בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד.

ר׳ מֶעכִיל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זִינְט דַאן הָאט זִיךְ דֶער מַצָּב אִין שְׁטוּבּ אַסַאך פַארְבֶּעסֶערְט. מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֲשִׁירִים, אָבֶער מֶען הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט עֶרְלוֹיבְּן אַ רֵיין שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי”ה



# עסן אדער לערנען?

פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן זֶעכְצְן יָאר צוּרִיק פּוּרִים צַייט, אִיז דֶער רֶבִּי פְּלוּצְלִינְג אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אוּן גֶעפָארְן קַיין נָאוְורִיטְשׁ, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פְּשַׁט פַארְוָואס דֶער רֶבִּי פָארְט אַהִין. פַאר דִי דָאזִיגֶע נְסִיעָה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״אוֹיבּ דִי וֶועלְט וָואלְט גֶעוְואוּסְט דִי סִבָּה צוּלִיבּ וָואס אִיךְ פָאר, וָואלְטְן זַיין גֶעקִישְׁט מַיינֶע פִּיס-טְרִיט. מִיט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע טְרִיט בֵּייג אִיךְ אִיבֶּער דִי וֶועלְט צוּ כַּף-זְכוּת״.

אוֹיפְן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן קֵיינֶעם. בַּיי דִי נְסִיעָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט מִיט בְּלוּט, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ דַארְף רֵיינִיגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער...״ אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען מְרוּמָז אִין זַיין נְסִיעָה אַהִין. פוּן דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן קַיין אוֹסְטְרָאה אוּן גֶערוּפְן עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט בְּרֶענְגֶען זַיין רֶעבֶּיצִין צוּם דָאקְטָאר גָארְדֶען וַוייל זִי אִיז לַיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק.

וֶוען דִי רֶעבֶּיצִין אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן אַהִין פַאר פֶּסַח הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין שׁוּם הֵיילוּנְגֶען פוּן דֶעם דָאקְטָאר גָארְדֶען, זִי הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט פָארְן קַיין זַאסְלַאוו זִיךְ צוּ הֵיילְן בַּיי דִי אָרְטִיגֶע דָאקְטוֹירִים.

שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטֶעט אוֹסְטְרָאה, דוּבְנָא, בְּרָאד וואוּ עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט מֶען זָאל אִים נִישְׁט דֶערְקֶענֶען אוּן וִויסְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט. אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע הָאבְּן בַּאגְלֵייט דֶעם רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען ר׳ שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן אִים אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף אִים אִין זַיין דַּרְגָה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ״נִכְנַס וְיָצָא בְּשָׁלוֹם״ (אַזַא אוֹיסְדְרִיק וָואס דִי גְּמָרָא זָאגְט אוֹיף רֶבִּי עֲקִיבָא כְּשֶׁנִּכְנַס לַפַּרְדֵּס) טְרָאץ וָואס ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד.

ר׳ שְׁמוּאֵל אוּן נָאךְ אַ בַּאגְלֵייטֶער פוּן רֶבִּי׳ן ר׳ אַיְיזִיק יוֹסֵף פוּן לִיפּוֹבִיץ הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוְואוּסְט וואוּ אַהִין עֶס פִירְן דִי טְרִיט פוּן רֶבִּי׳ן. הַארְט פַארְן אַרוֹיסְפָארְן אוֹיפְן וֶועג, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַאר ר׳ שְׁמוּאֵל דְרֵייסִיג רֶענְדְלֶעך [גָאר אַ שֵׁיינֶעם סְכוּם גֶעלְט] מִיט דֶעם סְכוּם הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט אַ וָואגְן מִיט אַ פָּאר-פֶערְד אוּן גֶעדִינְגֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה וָואס זָאל זֵיי פִירְן אוֹיף דֶעם אוּמְבַּאקַאנְטְן וֶועג. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן וִוי אַ סוֹחֵר אוּן בַּאפוֹילְן פַאר זַיינֶע בַּאגְלֵייטֶער זָאלְן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וֶוער עֶס אִיז דֶער אִיד וָואס פָארְט מִיט זֵיי.

ר׳ שְׁמוּאֵל מִיט ר׳ אַיְיזִיק יוֹסֵף הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְואוּסְט וואוּ צוּ פָארְן, הָאבְּן זֵיי בַּיי יֶעדֶע וֶועג-שֵׁיידוּנְג גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וואוּ אַהִין צוּ גֵיין, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעוִויזְן פּוּנְקְט וואוּ מֶען זָאל פָארְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי גֶעטְרַייעֶ תַּלְמִידִים



הָאבְּן גְלַייךְ אויסְגֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳נְס בַּאפֶעל.

אֵיינְמָאל זַייעֶנְדִיג אִין אַ אִידִישֶׁע אַכְסַנְיָא אִינְמִיטְן וֶועג, אַרַיינְקוּמֶענְדִיג זֶעעֶן זֵיי דֶעם בַּעַל אַכְסַנְיָא הַאלְטֶנְדִיג אַ צְוֵויי-יֶערִיג קִינְד, פְּלוּצְלִינְג צַייגְט דָאס קִינְד אָן מִיט זַיין פִינְגֶער אוֹיפְן רֶבִּי׳ן אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: ״אָט אִיז אַ גוּטֶער אִיד (אַ רֶבִּי)״ ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער סוֹחֵר, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אֶפְשָׁר מֵיינְט דָאס קִינְד גָאר אִים אַלֵיין, וַוייל ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט גֶעהַאט אַ הַדְרַת-פָּנִים.

עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ מַטְבֵּעַ פוּן טַאשׁ אוּן גִיבְּט דָאס קִינְד אוּן זָאגְט אִים: ״אֱמֶת, אִיךְ בִּין דֶער רֶבִּי?״

״נֵיין״ שָׁאקְלְט דָאס קִינְד מִיטְן זַיין קֶעפֶּעלֶע, אוּן וַוייזְט וִוידֶער מִיט זַיין פִינְגֶער אוֹיפְן רֶבִּי׳ן: ״עֶר אִיז דֶער רֶבִּי״.

פָארְנְדִיג אִין וֶועג הָאט ר׳ שְׁמוּאֵל אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין וואוּנְדֶער אוֹיף דִי רֵייד פוּנֶעם קִינְד, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: ״וֶוער אִיז דֶען אַ מֵבִין אִין אַזֶעלְכֶע צַייטְן?״.

עֶטְלִיכֶע טֶעג אִיז אַרִיבֶּער, וֶוען זֵיי זֶענֶען וִוידֶער אַרִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע אַכְסַנְיָא. ר׳ שְׁמוּאֵל בֶּעט פוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן. עֶר גֵייט אַרַיין אִין דֶער אַכְסַנְיָא נָאכְאַמָאל צוּ כַאפְּן אַ בְּלִיק אוֹיף דֶעם וואוּנְדֶער-קִינְד, צוּ זַיין בַּאדוֹיעֶרוּנְג הָאט עֶר לַיידֶער גֶעזֶען דֶעם טַאטְן זִיצְן שִׁבְעָה נָאכְן קִינְד.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״אִין דֶעם וואוּנְדֶער-קִינְד אִיז גֶעוֶוען דִי נְשָׁמָה פוּן ׳יְנוּקָא׳, עֶר הָאט גֶעוְואוּסְט גָאר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי אִינְג״.

נָאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע עִנְיָנִים אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג.

אֵיין נַאכְט וֶוען ר׳ שְׁמוּאֵל זַייעֶנְדִיג אוּנְטֶערְוֶועגְנְס הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁלָאפְן מִיטְן רֶבִּי׳ן אִין אֵיין צִימֶער. אֵיין נַאכְט פְרֶעגְט אִים דֶער רֶבִּי: ״הָאסְטוּ עֶפֶּעס גֶעהֶערְט דִי נַאכְט?״

״נֵיין, כְ׳הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט״, הָאט ר׳ שְׁמוּאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט ״אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט כַאפְּן דָאס שְׁלָאף אַ גַאנְצֶע נַאכְט״.

״אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעזֶען הָאט דַיין נְשָׁמָה גֶעזֶען״ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט. ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי דָאזִיגֶע נַאכְט אִיז נִתְגַלָּה גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת פַארְן רֶבִּי׳ן.

אַרַיינְקוּמֶענְדִיג קַיין בְּרָאד, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט דִי וֵויי-גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן וִוי זֵיי שְׁרֵייעֶן אוּן זוּכְן נָאךְ גֶעלְט, דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן פוּן זֵיי.

דִי הַשְׁגָחָה הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז דֶעם רֶבִּי׳נְס חָשׁוּבֶ׳ע וַוייבּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן יֶענֶעם יָאר עֶרֶב שְׁבוּעוֹת אוּן דִי תַּלְמִידִים אִין שְׁפִּיץ פוּן ר׳ נָתָן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין זַאסְלַאוו צוּם רֶבִּי׳ן.

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דֶער סְעוּדָה הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט, וִוילַאנְג מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי מַאֲכָלִים הָאט עֶר אִינְצְוִוישְׁן גֶעלֶערְנְט - אוֹיךְ הָאט עֶר דֶעמָאלְטְס גֶעלֶערְנְט דִי אִדְרָא – וֶוען מֶען הָאט אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס עֶסְן הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט לֶערְנֶען אוּן עֶפֶּעס טוֹעֶם גֶעוֶוען אוּן גְלַייךְ צוּרִיק צוּם לֶערְנֶען, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן אֵיין מַאֲכָל אוּן צְוֵוייטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט אַז מֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט בְּרֶענְגֶען נָאךְ מַאֲכָלִים אָבֶער דִי שְׁטוּבּ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אוּן אֵיין דֶערְלַאנְגֶען נָאךְ אוּן נָאךְ, אָבֶער צְוִוישְׁן אֵיין מַאֲכָל אוּן דָאס צְוֵוייטֶע

הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט.

נָאכְן עֶנְדִיגְן דִי סְעוּדָה, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "זֵיי דִינְגֶען זִיךְ מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מֶען וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען קֵיין עֶסְן, אָבֶּער זֵיי בְּרֶענְגֶען ווִידֶער נָאךְ מַאֲכָלִים, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְוַכֵּחַ, ווַייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַז דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיטְן לֶערְנֶען, אָבֶּער זֵיי ווִילְן גְרוֹיסֶע זַאכְן, אַז דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט עֶסְן."

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: "עֶס אִיז פַארְהַאן פָּשׁוּטֶע'ע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶסְן צוּ בַּאקוּמֶען כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, ווִידֶער אִיז פַארְהַאנֶען מֶער דֶערְהוֹיבֶּענֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע לֶערְנֶען זֵיי זָאלְן הָאבְּן שֵׂכֶל וִויאַזוֹי צוּ עֶסְן. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוָואלְט פָּשׁוּט אַז דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט לֶערְנֶען וָואס דָאס אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ע עֲבוֹדָה מֶען עֶסְט אוּן דֶערְנָאךְ לֶערְנְט מֶען – מֶען עֶסְט צוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער זֵיי הַאלְטְן גְרוֹיס זַאכְן פוּן מִיר אוּן בְּרֶענְגֶען נָאךְ אוּן נָאךְ עֶסְן כְּדֵי דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט עֶסְן, וָואס דָאס אִיז אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע עֲבוֹדָה אַז מֶען לֶערְנְט אוּן נָאכְדֶעם עֶסְט מֶען – מֶען לֶערְנְט צוּ בַּאקוּמֶען דַּעַת אוּן שֵׂכֶל וִויאַזוֹי צוּ עֶסְן.

# מה שאלתך



**שבועות. דער הייליגער יום טוב פון מתן תורה. ווען מיר פרייען זיך מיט די תורה, קען א פרוי קלערן, וואס האט די גאנצע יום טוב מיט מיר? איך לערן נישט קיין תורה, וואס בין איך זוכה אין דעם יו"ט?**

צום ערשטנס, שבועות איז דער יסוד אין אידישקייט. אין דעם טאג זענען מיר אלע אידן געשטאנען ביים בארג סיני, מענער און פרויען צוגלייך, ווען דער אויבערשטער האט זיך באוויזן און אונז געגעבן זיין תורה און מצוות. דאן איז געווען די מאמענט ווען ער האט אונז גענומען פאר זיין באליבטע פאלק.

לערנען תורה איז בלויז איין איינצלהייט פון קיום תורה און מצוות. דאס פארנעמט טאקע א חשוב'ע ארט ביי אידן, אבער דעם עצם איינהאלטן די תורה און מצוות און דער קשר מיט'ן אויבערשטן, איז שייך צו יעדן איד, תלמידי חכמים פונקט ווי עמי הארצים, מענער, פרויען און קינדער.

דער ספעציעלער פלאץ וואס פרויען האבן באקומען ביי מתן תורה איז פארגעקומען געצייכנט טעג פאר קבלת התורה. דאן האט דער אויבערשטער געהייסן פאר משה רבינו, "כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל..." זאגן חז"ל: "בית יעקב – אלו הנשים". משה רבינו האט דערמאנט קודם די פרויען און זיי געפרעגט, "זענען ענק גרייט מקבל צו זיין די תורה?" און ערשט דערנאך די בני ישראל – די מענער. ווייל די פרויען פארנעמען זייער א חשוב'ע ארט אין קיום התורה ביי כלל ישראל.

לאמיר אצינד אריינקוקן און כאפן א בליק וואס האט

זיך דעמאלט אפגעטון אין מדבר. כלל ישראל האבן אלע צוזאמען אויסגערופן "נעשה ונשמע". מיר אלע זענען דארט געווען, מענער און פרויען, און מיר האבן צוזאמען געענטפערט "יא – מיר ווילן נעמען אויף זיך צו היטן די תורה."

לאמיר כאפן א בליק וואס איז געווען דעם טאג ווען משה רבינו האט אראפגעברענגט די ערשטע לוחות פאר די אידן. די שפאנונג איז גרויס. מען ווארט אז משה רבינו זאל אראפקומען מיט די לוחות. אבער ער איז נאכנישט דא. וואו פארזוימט ער זיך אזוי לאנג? די בני ישראל ווערן שוין אומגעדולדיג. דאן זענען זיי יידער דורכגעפאלן מיט'ן חטא העגל ה"י.

אבער די פרויען זענען געבליבן געטריי צום אויבערשטן. זיי וויסן נישט פון קיין חכמות צו זאגן. אז משה רבינו האט געזאגט אז ער גייט צוריקקומען וועט ער צוריקקומען. איי, מען זעט אים נאכנישט אן? נישט געפערליך. מען וועט ווארטן מיט געדולד. מיר האבן דאך צוגעזאגט נעשה ונשמע, מ'קען זיך נישט פירן אנדערש ווי דעם.

דער מאן קומט אהיים, און ער בעט אירע צירונגען צו מאכן אן עגל. זי ווייסט אז זי מוז שטענדיג פאלגן דעם רצון פון איר מאן, אבער דא איז אן אויסנאם, ווייל ער הייסט איר טון עפעס קעגן רצון השם. דער מאן ערקלערט איר אז די גאנצע זאך פון משה רבינו איז ח"ו אויס. אבער זי האלט זיך פעסט און נעמט נישט קיין שום חלק אין דעם גאנצן סקאנדאל. אלס שכר פאר איר געטריישאפט צום אויבערשטן, האט די פרוי באקומען ראש חודש אלס מתנה.

ראש חודש ווייזט אויף די לבנה וואס האלט זיך קליין. דאס סימבאליזירט די פרוי אין דעם יום טוב שבועות. זי איז צופרידן צו דינען דעם אויבערשטן אפילו ווען זי שפירט נישט קיין ספעציעלע ליכטיגקייט. זי האט הנאה פון איר פשוט'ע שטוב ווירטשאפט פאר'ן באשעפער'ס וועגן, אן קיין גלאנץ, אן פאבליקאציע, אן צו שפירן עפעס א ספעציעלע דערהויבנקייט. זי זוכט נישט דווקא ספעציעלע איבערלעבענישן, גרויסע עבודות, נאר זי איז צופרידן צו טון איר תפקיד מיט א פשוט'ע אמונה און מיט א שטענדיגע איבערגעגעבנקייט צום אויבערשטן. זי רופט אויס 'נעשה ונשמע', מיר הערן זיך צו צום אויבערשטן, און מיר זענען גרייט מיט רצון צו טון וואס ער וויל.

דאס איז די קעניגליכע אידישע מאמע!

שבועות ליינט מען מגילת רות. יעדע פרוי וואס האט חתונה און שטעלט אויף א אידישע שטוב פארן אויבערשטנ'ס כבוד, איז מקבל די תורה פונקט ווי רות האט געטון ווען זי האט זיך מגייר געווען. זי גייט מיט איר מאן לויט זיין רצון ווייל זיין לעבן איז איר לעבן; וואס ס'איז גוט פאר אים, איז גוט פאר איר. אינאיינעם פירן זיי אויס זייער תפקיד אויף דער וועלט.

די טייערע אידישע מאמע, גיבט זיך איבער פאר אירע קינדערלעך מיט איר גאנצע געטריישאפט וואס זי פארמאגט. זי באשעפטיגט זיך אין א וויכטיגע אויפגאבע צו ציען ווייטער דורות וואס וועלן דערנענטערן די גאולה שלימה, ווי רות האט געטון און זוכה געווען אז פון איר זאל ארויסקומען מלכות בית דוד און משיח צדקינו.

דעם יום טוב שבועות, ווען די אידישע מאמע איז פארנומען מיט'ן שמירן קעז קיכן און אויסקערן חלה ברעקלעך, וועט זי אויסרופן, "רבונו של עולם, איך ארבעט פאר דיך! מיין גאנצע לעבן געב איך איבער פאר דיין כבוד. טעג און נעכט בין איך באשעפטיגט מיט די שטוב און די קינדערלעך און איך בין צופרידן אז איך בין זוכה דיר צו מאכן א נחת רוח. איך פריי מיך צו זיין די אויסדערוועלטע אידישע טאכטער פון אויבערשטן פאר דעם תפקיד. נעשה ונשמע, פאר דיך בין איך גרייט, רבונו של עולם, נאך און נאך צו ווינדלען, צו וויגן און בארואיגן. ווייל איך וויל דיר ברענגען א נחת רוח!"

און דארט אויבן ענטפערט כביכול דער בורא, "יא יא. מיין באליבטע טאכטער. איך שעץ דיין אומגעהויערע ארבעט. איך ווייס אז ס'איז דיר נישט גרינג. איך זע דיין מוטשעניש און פלאג. אבער זיי וויסן אז איך האב א געוואלדיגע תענוג פון דיין עבודה, נישט ווייניגער ווי פון די מענער וואס זיצן און הארעווען אין תורה. דאס איז דיין חלק אין מיין תורה. און אויף דעם וועסטו באקומען אומגעהויערע שכר בזה ובבא."

המשך פון די לעצטע זייט

# אויסגיסן דאס הארץ צום באשעפער

תַּחֲנוּנִים. שְׁלוֹמִי הָאט אִים בַּאטְרַאכְט מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּיְרן אַ בֶּענְקְשַׁאפְט נָאךְ אַ רִיכְטִיגְן טַעַם אִין דַאוֶונֶען. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט גֶעניסְן פוּן אַ גֶעשְׁמַאקְן דַאוֶונֶען, אָן יָאגְן דִי וֶוערְטֶער. שְׁלוֹמִי הָאט זִיךְ שְׁטֵייטְלֶעךְ גֶעגֶעבְּן אַ רוּק פָּארְאוֹיס אוּן אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן צוּ דַאוֶונֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיט אַ פַּאסִיגֶע כַּוָּונָה פוּן דִי טִיפֶענִישְׁן פוּן הַארְץ. אַ וַוארִימֶע גֶעפִיל צוּם דַאוֶונֶען הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג עֶרְוֶועקְט אִין אִים. עֶר הָאט אַייְנְגֶעזֶען אַז אַ עֶר קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זִיךְ טְרֶעפְן דִי גֶעשְׁמַאק פוּן דִי תְּפִילּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת.

דִי דָאזִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אִיז אִים גֶעקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק דֶער בַּעַל תְּפִילָּה, וָואס זַיין גַאנְצֶע עֲבוֹדָה אִיז מְעוֹרֵר צוּ זַיין אַן אֱמֶתְ'ן גֶעפִיל צוּ תּוֹרָה אוּן תְּפִילָּה. עֶר שִׁיקְט אַרַיין הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה אוּן מַחֲשָׁבוֹת פוּן הִתְבּוֹנְנוּת צוּ יֶעדְן אִיד, בִּיז מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמֶתְ'ע תַּעֲנוּג אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דְּבֵיקוּת אִינֶעם דַאוֶונֶען, פִיל מֶער וִוי אַלֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע תַּעֲנוּגִים פוּנֶעם עוֹלָם הַזֶּה וָואס גֵייעֶן שְׁנֶעל פַּארְבַּיי אוּן זֶענֶען בְּלוֹיז צֵייטְוַוילִיג.



# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות

## מַעֲשֶׂה יב' דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָּה'

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'בַּעַל-תְּפִילָּה'! וָואס עֶר הָאט תָּמִיד נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען, אִין 'תְּפִילּוֹת' אוּן 'שִׁירוֹת' אוּן 'תּוּשְׁבָּחוֹת', צוּ 'הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ'!

אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעצְן 'חוּץ-לְיִשּׁוּב'!

אוּן זַיין 'סֵדֶר' אִיז גֶעוֶוען: עֶר פְּלֶעגְט אַמָאל אַרַיינְצוּגֵיין אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין – אוּן עֶר פְּלֶעגְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ 'מֶענְטְשְׁן' [מֶענְטְשׁ] – מִן-הַסְתָּם פְּלֶעגְט עֶר אַרַיינְגֵיין צוּ 'קְלֵיינֶע לַייט', דְהַיְינוּ: 'אָרִימֶעלַייט', אוּן נָאךְ אַזוֹי אַ גְלַייכְן!

אוּן עֶר פְּלֶעגְט מִיט דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' אָנְהֵייבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן [אַרַיינְרֶעדְן אִין זַיין הַארְץ], פוּן דֶעם 'תַּכְלִית' פוּן גָאר דֶער וֶועלְט: "בַּאֲשֶׁר, אַז צוּם 'אֱמֶת', אִיז קַיין שׁוּם 'תַּכְלִית' נִישְׁט פַארַהאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר מְ'זָאל גָאט דִינֶען וַוייל [ווִילַאנְג] מְ'לֶעבְּט – אוּן מְ'זָאל זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי 'יָאהְרְן', נָאר מִיט 'תְּפִילָּה' צוּ 'הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ', אוּן מִיט 'שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת' צוּ 'הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ'" וְכוּ'!

אוּן עֶר פְּלֶעגְט אַסַאךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דֶעם 'מֶענְטְשְׁן', 'אַזוֹינֶע רֵייד' וָואס עֶר זָאל יֶענֶעם דֶערְוֶועקְן! – בִּיז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען יֶענֶעם אִין דֶעם 'הַארְצְן' אַרַיין – בִּיז דֶער 'מֶענְטְשׁ' אִיז מְרוּצֶּה [בַּאווִילִיגְט] גֶעוָוארְן, אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאהֶעפְטְן!

אוּן תֵּיכֶף וִוי דֶער 'מֶענְטְשׁ' אִיז מְרוּצֶּה גֶעוָוארְן

מִיט אִים – הָאט עֶר אִים תֵּיכֶּף גֶענוּמֶען, אוּן הָאט אִים גֶעפִירְט אוֹיף זַיין 'אָרְט' [פְּלַאץ] וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט 'חוּץ־לְיִשּׁוּב' (דְהַיְינוּ: אַרוֹיס פוּן דֶעם 'יִשּׁוּב', נִישְׁט וואוּ מֶענְטְשְׁן זִיצְן)!

וָוארְן דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה', הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְן אַ אָרְט 'חוּץ־לְיִשּׁוּב' – אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ 'טַייכְל' [פָּארְנְט פוּנֶעם פְּלַאץ] – אוּן 'בֵּיימֶער' אוּן 'פֵּירוֹת' אִיז דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶוען – אוּן זֵיי פְלֶעגְן עֶסְן פוּן דִי 'פֵּירוֹת'!

אוּן אוֹיף 'קְלֵיידֶער' – הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט – וִוי [וִויאַזוֹי] מְ'גֵייט, גֵייט מֶען! אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין 'סֵדֶר' צוּ זַיין פוּן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' תָּמִיד:

וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיינְצוּגֵיין אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין – אוּן פְלֶעגְט אִיבֶּערְרֶעדְן [אוּן בַּאוִוילִיגְן] 'מֶענְטְשְׁן': "אַז זֵיי זָאלְן גֵיין מִיט זַיין 'וֶועג', אַז זֵיי זָאלְן נָאר 'גָאט' בָּרוּךְ־הוּא דִינֶען – זֵיי זָאלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין 'תְּפִילּוֹת' וְכוּ'"!

אוּן וֶוער ס'הָאט אִים צוּגֶעהֶערְט [אוּן אִיז בַּאוִוילִיגְט גֶעוָוארְן] – פְלֶעגְט עֶר אִים צוּ נֶעמֶען – אוּן פְלֶעגְט אִים פִירְן אוֹיף זַיין אָרְט 'חוּץ־לְיִשּׁוּב', כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן זֵיי פְלֶעגְן דָארְט עוֹסֵק זַיין – נָאר אִין 'תְּפִילּוֹת' אוּן 'שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת' צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ', אוּן 'וִוידוּיִים', אוּן 'תַּעֲנִיתִים', אוּן 'סִיגּוּפִים' (דְהַיְינוּ: פַּיינִיגְן זִיךְ דֶעם 'גוּף'), אוּן 'תְּשׁוּבָה' – אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן!

אוּן דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה', פְלֶעגְט זֵיי גֶעבְּן זַיינֶע 'חִיבּוּרִים' (דְהַיְינוּ: 'סְפָרִים') וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, פוּן 'תְּפִילּוֹת', אוּן 'שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת', אוּן 'וִוידוּיִים'! – אוּן זֵיי פְלֶעגְן עוֹסֵק זַיין דֶערִינֶען תָּמִיד!

בִּיז ס'פְלֶעגְט זִיךְ שׁוֹין צוּ גֶעפִינֶען צְוִוישְׁן 'זַיינֶע מֶענְטְשְׁן' וָואס עֶר הָאט אַהִינְגֶעבְּרַאכְט [אַהִינְגֶעבְּרֶענְגְט]: 'אַזוֹינֶע [מֶענְטְשְׁן]', וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אוֹיךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען [מְקָרֵב זַיין] 'מֶענְטְשְׁן' צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'!

פְלֶעגְט עֶר אַמָאל גֶעבְּן רְשׁוּת צוּ אֵיינֶעם פוּן 'זַיינֶע מֶענְטְשְׁן': "אַז עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין אִין 'יִשּׁוּב' אַרַיין, [עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין דֶערִין], אוּן [עֶר] זָאל דֶערְוֶועקְן [מְקָרֵב זַיין] 'מֶענְטְשְׁן' צוּם 'אֵייבֶּערְשְׁטְן', אַז זֵיי זָאלְן נָאר 'גָאט' דִינֶען"!

[אוּן] אַזוֹי הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' זִיךְ אַלְץ גֶעפִירְט – אוּן פְלֶעגְט אַלֶעמָאל מְקָרֵב זַיין 'מֶענְטְשְׁן' – אוּן פְלֶעגְט זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם 'יִשּׁוּב', כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְנְדֶערְמַאנְט]!

בִּיז ס'אִיז גֶעוָוארְן אַ 'רוֹשֶׁם' אוֹיף דֶער וֶועלְט (כְּלוֹמַר: מֶען הָאט דִי זַאךְ אָנְגֶעזֶעהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט) – אוּן דִי זַאךְ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְפוּרְסָם צוּ וֶוערְן!

וָוארְן פְּלוּצִים [פְּלוּצְלִינְג] זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶער 'מְדִינָה' – אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ זֵיי זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען!

[אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט פַּאסִירְט, אַז] בַּיי דֶעם אִיז [פְּלוּצְלִינְג] פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אַ 'זוּהְן'! – בַּיי דֶעם אַ 'אֵיידֶעם'! – [אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן]! – אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ זֵיי זֶענֶען!

בִּיז מֶען אִיז גֶעוָואר גֶעוָוארְן: "אַז ס'גֶעפִינְט זִיךְ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' – וָואס עֶר גֵייט אוּם [אַרוּם], אוּן רֶעדְט אָן 'מֶענְטְשְׁן' צוּ [דִינֶען] 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'"!

נָאר [אִים צוּ דֶערְקֶענֶען אוּן] 'כַאפְּן', הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט! – וָוארְן דֶער [דָאזִיגֶער] 'בַּעַל־תְּפִילָּה', פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן מִיט 'גְרוֹיס חָכְמָה' – אוּן פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיטְלֶעכְן

פַאַרְשְׁטֶעלְן אַנְדֶערְשׁ [מִיט אַ אַנְדֶערֶע 'שִׁינּוּי']!

בַּיי 'דֶעם', הָאט עֶר זִיךְ פַאַרְשְׁטֶעלְט פַאר אַ 'אָרִימַאן'! – אוּן בַּיי 'דֶעם', פַאר אַ 'סוֹחֵר'! – אוּן בַּיי 'דֶעם', הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַנְדֶערְשׁ פַאַרְשְׁטֶעלְט!

אוּן דֶערְצוּ, אַז [וֶוען] עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט אַ 'מֶענְטְשְׁן' – [אִיז] אַז עֶר הָאט פַאַרְשְׁטַאנֶען, אַז עֶר קֶען בַּיי 'דֶעם מֶענְטְשְׁן' נִישְׁט פּוֹעֶלְן דָאס וָואס עֶר ווִיל – פְלֶעגְט עֶר דֶעם 'מֶענְטְשְׁן', אַזוֹי פַאַרְדְרֵייעֶן מִיט רֵייד! – בִּיז סֶע [סְ'אִיז] גָארְנִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען צוּ פַאלְן [אַיינְצוּפַאלְן; צוּ פַאַרְשְׁטֵיין], אַז עֶר מֵיינְט דָאס 'דָאזִיגֶע', דְהַיְינוּ: "אַז עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'"!

אוּן סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט גֶעמָאלְט גֶעוֶוען צוּ שְׁטוּיסְן זִיךְ [עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּ פַאַרְשְׁטֵיין פוּן אִים], אַז עֶר מֵיינְט 'דָאס' [אַז זַיין גַאנְצֶע 'כַּוָּונָה' אִיז נָאר דָאס]! – כָאטְשֶׁע צוּם 'אֱמֶת', אִיז גָאר זַיין 'כַּוָּונָה' גֶעוֶוען נָאר דָאס! – וָוארְן וָואס עֶר הָאט [אַלְץ] גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן גֶערֶעדְט מִיט 'לַייט' [מֶענְטְשְׁן], הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶעמֵיינְט נָאר 'דָאס', דְהַיְינוּ: "אַז עֶר זָאל מְקָרֵב זַיין צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'"!

נָאר ווִי [וֶוען] עֶר הָאט פַאַרְשְׁטַאנֶען: "אַז עֶר פּוֹעֶלְט בַּיי 'דֶעם' נִישְׁט"! – פְלֶעגְט עֶר אִים אַזוֹי מְרַמֶּה זַיין [פַאַרְדְרֵייעֶן אוּן פַאַרְקְרוּמֶען אוּן אוֹיסְנַארְן], אוּן פַאַרְשְׁטֶעלְן מִיט רֵייד! – בִּיז 'יֶענֶער' הָאט גֶעמֵיינְט: "אַז עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט 'דָאס'"!

(אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם], הָאט מֶען דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' נִישְׁט גֶעקֶענְט 'כַאפְּן')! הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' עוֹסֵק גֶעוֶוען אַלְץ, אִין 'דֶער זַאךְ', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – בִּיז סְ'גֶעוָוארְן אַ 'רוֹשֶׁם' אוּן אַ 'פִּירְסוּם' אוֹיף דֶער וֶועלְט! אוּן מְ'הָאט גֶעוָואלְט אִים 'כַאפְּן' – נָאר סְ'אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] גֶעוֶוען, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אִיז [זֶענֶען] דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' מִיט 'זַיינֶע לַייט', גֶעזֶעצְן 'חוּץ־לְיִשּׁוּב' – אוּן זֵיי הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען, נָאר אִין 'תְּפִילָּה' אוּן 'שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת' צוּ 'גָאט' בָּרוּךְ־הוּא, אוּן 'וִוידוּיִים', אוּן 'תַּעֲנִיתִים', אוּן 'סִיגוּפִים', אוּן 'תְּשׁוּבוֹת'!

אוּן דִי זַאךְ פוּן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אִיז [אוֹיךְ] גֶעוֶוען: "[אַז] עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיטְלֶעכְן מַסְפִּיק זַיין (כְּלוֹמַר: עֶר זָאל אִיטְלֶעכְן גֶעבְּן) וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט"!

אַז [אוֹיבּ] עֶר הָאט פַאַרְשְׁטַאנֶען אִין 'אֵיינֶעם' פוּן 'זַיינֶע לַייט': "אַז נָאךְ [לוֹיט] זַיין 'מוֹחַ' נָאךְ – בַּאדַארְף עֶר צוּ 'גָאטְ'ס דִינְסְט', אַז עֶר זָאל גֵיין אָנְגֶעטָאן אִין 'גִילְדְן גֶעשְׁטִיק' [גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער]"! – הָאט עֶר עֶס אִים מַסְפִּיק גֶעוֶוען!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] פַאַרְקֶערְט: [אַז] אַמָאל אִיז צוּ אִים מְקוּרָב גֶעוָוארְן אַ 'עוֹשֶׁר', אוּן עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם 'יִשּׁוּב'! – אוּן עֶר הָאט פַאַרְשְׁטַאנֶען: "אַז דֶער 'עוֹשֶׁר' בַּאדַארְף צוּ גֵיין אָפְּגֶערִיסְן [צוּרִיסֶענֶע מְבוּזֶה'דִיגֶע קְלֵיידֶער]"! – הָאט עֶר אִים אַזוֹי גֶעפִירְט!

[לוֹיט] אַזוֹי־ווִי עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט, וִויאַזוֹי מְ'בַּאדַארְף אִיטְלֶעכְן צוּ פִירְן – אַזוֹי הָאט עֶר אִים מַסְפִּיק גֶעוֶוען!

אוּן בַּיי דִי [דָאזִיגֶע] מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' – אִיז בַּיי זֵיי אַ 'תַּעֲנִית', אוּן דֶער 'גְרֶעסְטֶער סִיגּוּף' (דְהַיְינוּ: פַּיינִיגְן זִיךְ), טֵייעֶרֶער גֶעוֶוען פוּן אַלֶע 'תַּעֲנוּגִים' פוּן דֶער וֶועלְט! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט 'תַּעֲנוּג' פוּן דֶעם גְרֶעסְטְן 'סִיגּוּף', אָדֶער פוּן אַ 'תַּעֲנִית' – מֶער אֵיידֶער פוּן 'אַלֶע תַּעֲנוּגִים' פוּן דֶער וֶועלְט!

פּ: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעווטע מעשה - דער בעל תפילה (1)

**א. אין וואס האט דער בעל תפילה שטענדיג עוסק געווען?**
- ☐ אין תפילות
- ☐ אין שירות און תשבחות צו השי"ת
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואו איז דער בעל תפלה געזעסן?**
- ☐ אין בית המדרש
- ☐ אין ישוב
- ☐ חוץ לישוב

**ג. וואס האט דער בעל תפילה געזאגט אז וואס איז דער תכלית אויף דער וועלט?**
- ☐ נאר מ'זאל דינען דעם אויבערשטן
- ☐ נאר צו טאהן אין משא ומתן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. ווען א מענטש איז מרוצה געווארן צו אים, צו וואו האט ער אים געפירט?**
- ☐ אין זיין בית המדרש
- ☐ אין זיין שטוב
- ☐ אויף זיין ארט חוץ לישוב

**ה. אויף וואס האבן זיי גאר נישט געקוקט?**
- ☐ אויף וואו צו שלאפן
- ☐ אויף קליידער
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. אין וואס האבן זיי דארטן עוסק געווען חוץ לישוב?**
- ☐ אין תפלות שירות ותשבחות
- ☐ אין ווידויים און תעניתים און סיגופים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. ווען האט ער געגעבן פאר זיינע מענטשן רשות אריין צוגיין אין ישוב צו דערוועקן מענטשן צום אייבירשטן?**
- ☐ גלייך ווען מ'איז געקומען צו אים
- ☐ ווען זיי זענען שוין געווארן גרויסע צדיקים
- ☐ ווען זיי האבן שוין געקענט ברענגען מענטשן צו השי"ת

**ח. פארוואס האט מען נישט געקענט כאפן דעם בעל תפלה?**
- ☐ ווייל ער פלעגט זיך ביי יעדעם פארשטעלן אנדערש ביי איינעם וואו א ארימאן און ביי איינעם וואו א סוחר
- ☐ ווייל ער איז געווען א רואה ואינו נראה
- ☐ ווייל ער האט געמאכט א מופת מ'זאל אים נישט קענען כאפן

**ט. וואס איז געווען טייערער ביי די מענטשן פון בעל תפילה מער פון אלע תענוגים?**
- ☐ גאלד און זילבער
- ☐ כבוד
- ☐ א תענית און דער גרעסטער סיגוף

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ איינמאל
- ☐ צוויימאל
- ☐ איך האב געוואלט



### טיפער געטראכט

**אין וויפיל און וועלכע זאכן האבן עוסק געווען דער בעל תפילה מיט זיינע לייט חוץ לישוב ?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער בן מלך און דער בן שפחה (8)**

**וויפיל זאכן דערציילט דער רבי אין די מעשה אז דער אמתע'ר בן מלך האט פארשטאנען אז מען דארף דאס רוקן פון זייער ארט און זי מסדר זיין אויף זייער ריכטיגער פלאץ ?**

זִיבְּן זַאכְן, - רֵייזִילֶע, בֶּעטְיל, טִישׁ, לֵייכְטֶער, עוֹפוֹת, חַיוֹת, לֵייבּ.

**טייערע קינדער, צוליב טעכנישע סיבות ארבעט נישט דער טעלעפאן ליין, זייט מרבה בתפילות מען זאל דאס קענען צוריקשטעלן ווי ביז היינט**




# אויסגיסן דאס הארץ צום באשעפער

**אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן הִתְרַגְּשׁוּת הֶערְשְׁט, אָנְהֵייבְּנְדִיג דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.**

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז וֶועגְן אַ בַּעַל תְּפִלָּה וָואס אִיז אַרוּמְגֶעפָארְן אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן מִיט קְלָארְקֵייט: מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר עוֹסֵק צוּ זַיין אִין תְּפִלּוֹת, שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין וַואלְד אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין פַארְ'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ מִיט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן רֶעדְן צוּ אִים וִוי צוּ אַ גֶעטְרַייעְן פְרַיינְט. אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַדוּרְךְ אוֹיף אוּנְז, אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים פּוּנְקְט וִוי אַ קִינְד צוּ זַיין טַאטְן.

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט אַרוֹיסְפִירְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט אַרַיין אִין וַואלְד, וואוּ עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְזוּכְן דֶעם זִיסְן טַעַם פוּן תְּפִלָּה אוּן תְּשׁוּבָה.

יֶעדְן אָוֶונְט פְלֶעגְט שְׁלוֹמִי שְׁפַּאצִירְן צוּם צֶענְטְרַאלְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ תְּפִלַּת מַעֲרִיב. נָאךְ אִינְדְרוֹיסְן פְלֶעגְט עֶר אָפְּלֵיינֶען אַלֶע נַייעֶ מוֹדָעוֹת אוּן רֶעקְלַאמֶעס, צוּזַאמֶען מִיט דִי בִּילִיגֶע אוֹיסְפַארְקוֹיפְן אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע בִּילְדֶער פוּן פְּרָאדוּקְטְן. נָאכְדֶעם פְלֶעגְט עֶר אַרַיינְגֵיין דַאוֶונֶען אַזוֹי אָן קֵיין שׁוּם חַיּוּת. עֶר הָאט קוֹים גֶעעֶפְנְט דֶעם סִידוּר, זִיךְ מִיטְגֶעכַאפְּט מִיט אַ מִנְיָן, אוּן שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶעמוּרְמְלְט דִי וֶוערְטֶער. נָאךְ פַּאר מְ'הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע אִיז שְׁלוֹמִי שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְטִיג. גְלַייךְ דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַ צְדָקָה-פְּרָאסְפֶּעקְט אוּן דוּרְכְגֶעלֵייעֶנְט יֶעדֶעס וָוארְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֶרְנְסְטְקֵייט.

נָאכְן עֶנְדִיגְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, נָאךְ אַפָּאר קוּרְצֶע מִינוּטְן פוּן דַאוֶונֶען, הָאט עֶר מִיט אוּמְגֶעדוּלְד אָנְגֶעהוֹיבְּן צֵיילְן צִי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מֶעג שׁוֹין אָנְהֵייבְּן דֶעם קַדִּישׁ. קוּקְנְדִיג אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע אִידְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְטִיפְט אִינֶעם דַאוֶונֶען אוּן הָאבְּן זִיךְ בַּאלֶעקְט מִיט יֶעדֶע בְּרָכָה אוּן לוֹיב, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט: פַארְוָואס דַאוֶונֶען זֵיי אַזוֹי לַאנְגְזַאם? וָואס הָאבְּן זֵיי אִיבֶּערְצוּקֵייעֶן יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע בַּקָּשָׁה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? וָואלְט נִישְׁט בֶּעסֶער גֶעוֶוען צוּ מַאכְן שְׁנֶעל? אֶפְשַׁר גֵיין לֵיינֶען עֶפֶּעס, אָדֶער קוֹיפְן אַ זַאךְ בַּיים טִישְׁל אִינְדְרוֹיסְן? אָדֶער גָאר לֶערְנֶען עֶפֶּעס וָואס הָאט אַ טַעַם אוּן אַ פְּשַׁט? סְתָּם אַזוֹי מַאֲרִיךְ זַיין דָאס דַאוֶונֶען? פָּשׁוּט אַזוֹי?! וָואס הָאבְּן זֵיי דֶערְפוּן?...

שְׁלוֹמִי אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם חֵן אוּן דֶעם שֵׁיינְקֵייט פוּן דַאוֶונֶען.

אֵיין נַאכְט אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, הָאט זִיךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן אִים אוּן גֶעדַאוְונְט מִיט אַן אֶמֶתְ'עֶ הִתְלַהֲבוּת. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אִיז גֶעוֶוען וִוי מֶען צֵיילְט גָאלְדֶענֶע מַטְבְּעוֹת; זַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, אוּן מֶען הָאט גֶעקֶענְט צְווִישְׁן זֵיי זֶען דִי טִיפֶע הַארְצִיגֶע

המשך אויף זייט 12